This poem and "Here I Have Never Been" were not reprinted in Glatshteyn's collected poems of 1956.

## ► אויפֿן יאַטקעקלאָץ

ס'האָט זיך אַ ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדראַמטער
אויפֿן יאַטקעקלאָץ ווי אַ קנעכט צום פֿאַרקויפֿן.
אָט איז דער מאַן, האָבן אַלע געטײַטלט,
וואָס פֿאַרדינט אונדזער רחמנות.
אמת, האָט געקוויטשעט אַ מויל אויף שרויפֿן,
ער איז אַ שטיקל שווינדלער און גאָרגלשנײַדער,
און מען דאַרף אים קוקן אויף די לעפּקע פֿינגער.
אָבער ווער אויב נישט מיר, האָבן אים געשטויסן
צו די פּרנסות וואָס זײַנען גרינגער.

אַוודאי איז ער אַליין אַ ניבזה
און אַ פֿלעק אויף אונדזער משפּחה,
האָט אַ צווייטן, פֿון גרויס מיטלייד,
אַ טרער געוואָרגן דעם גאָרגל.
נאָר שווער צו פֿאַרגעסן דעם הייליקן ספֿר,
וואָס זײַנע עלטער-עלטערן האָבן אונדז געלאָזט בירושה,
פֿאַר די צען פֿאַרזאָגן אַליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פֿאַרטראָגן דעם דאָזיקן קריכער,
לומפּ, הורענזון און מאַרעוויכער.

גיט אַ קוק אויף זײַן הויקער,
טאַפּט מיר אַן אַלטע מויד דעם צעבײַלטן רוקן,
דאָס איז פֿון זיצן, קוקן אין ביכלעך,
און שאַרפֿן דעם מוח ווי אַזוי צו יידלען.
נאָר זידלען דאַרפֿן מיר זיך אַליין,
וואָס מיר האָבן אים נישט געטריבן
צו די שווייסיקע פֿאַכן,
ווי קאָפּען קאַרטאָפֿליעס, שטיינער האַקן.

האָט ער, שטאָט דעם נאַקן, אײַנגעשפּאַנט דעם קאָפּ,
ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
אַלעמען איבערגעשׂכלט
און צוגענומען בײַ אונדז יעדן גראָשן.

און הערט ווי ער בעבעט זײַן לשון,
ווי ער פּראַוועט באַזונדערניש אויף אונדזער ערד,
פֿאַר וועלכער מיר האָבן געפֿאָכטן.
האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זײַן ברודער געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונדז דאָס לעבן מיזעראַבל,
צערטלט מיך אַ באַסאָווער ליבעראַבל. —
ס'וואָלט שוין לאַנג פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן,
ווען מיר וואָלטן אים שטאָט האַסן געטאָן ליבן,
און געעפֿנט פֿאַר אים, דעם אויסדערוויילטן,
דעם שטאָלצן, אונדזערע אָרעמס —
אונדזערע קירכן וואָלטן אים שוין לאַנג צעשמאָלצן.
מיר פֿאַרגעסן — פֿאַרענדיקט ער, מיט אַ גלחישן קנאַק, —
ס'האַנדלט זיך נישט אין כּסדר פּראַסקן זײַן צווייטע באַק,
נאָר אויפֿשטעלן אונדזערע אַנטקעגן זײַנע
אײַנגעוואָרצלטע געמיינהייטן.

## ► *On the Butcher Block*

What a commotion there was yesterday around me,
As I stood bleeding on the butcher block
Like a slave for sale.
Here's the man, they pointed at me,
Who deserves our pity.
It's true, a fast tongue was shrieking,
You'd better watch out for his sticky fingers,
He's a a bit of a swindler, cutthroat, sleazy,
But wasn't it we who pushed him
To the livelihoods that are easy.

To be sure, he himself is loathsome,
A stain on our family—
Said another in deep compassion,
A tear choking his gullet—
But it's hard to forget the Holy Book
That his fore-forefathers bequeathed to us.
Just for the Ten Forbiddings
One should be gracious unto him
And endure
This sneak, whoreson and boor.

Just look at that hump—
An old maid felt my swollen back—
It comes from sitting, from poring over books,
Sharpening his wits for jewing.
But the blame, she says, must fall on ourselves,
For we did not force him
Into the sweaty trades,
Like cutting stones, digging potatoes;

So, instead of his neck, he harnessed his head
Like an ox to a plow,
Outclevered us all,
And took away our last cent.

Now listen to the language he babbles,
See, how he celebrates separateness in our land,
The land our fathers fought for,
Here how he squeals that they slaughtered his brother,
How he makes our lives miserable—
Caresses me the bass voice of a liberable—
No trace would be left of him
If we had loved him instead of hating
And opened our arms
For him, the chosen, the proud one.
Our churches would have melted him long ago.
We must not forget—he concludes with a priestly snap—
The point isn't always to slap his other cheek,
But to set ours against
His tribal nastiness.

ס'האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
צווישן די יאַטקעס.
כ'בין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרײַבערט די אָדערן
מיט פאַרטײדיקעכץ.
פאַרענטפערט אַזוי ווויל אַלע מײַנע נידריקע אינסטינקטן,
אַזוי שיין געזונגען מיר אַ זכות
פון מײַנע פרומע זיידעס וועגן,
אַז דער יאַטקעקלאָץ האָט אַזש גענומען שפריצן מיט טרערן.
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט.
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.
איך בין געבליבן אַליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שײַקע איז אַרויס פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זײַנען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט
אַרום דעם יאַטקעקלאָץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקערצט איבער מײַן צענערעגט לײַב,
און ווי די בינען אײַנגעגעסן דעם האָניק אין מײַנע ווונדן.
האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דרײַ.
דײַן גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין,
אין דײַן אייביקער נאַכט.

יוני 1939

What a commotion there was yesterday around me
In the butcher shop.
I stood there in a shirt and tattered underwear
As they purged my veins
With justifications.
They explained away my base instincts so well,
They sang so beautifully the merits
Of my pious grandfathers,
That even the butcher block spurted tears.
A pious old woman made a sign over me,
Down and across;
And everything around me dissolved.
I remained alone under a cold sky.
The gang came out of hiding
And I closed my eyes.
The blows no longer concerned me.
With a shudder, I remembered
How they had assembled
At the round butcher block,
How they had belched over my beaten body,
And like bees, were stinging my wounds with honey.
You extinguished one star, a second, a third,
Your entire shining might.
God, what am I doing here alone,
In your eternal night.

June 1939




Ben Shahn: *Warsaw*, 1943 1963.
Hebrew Quote from a 13th century Yom Kippur prayer
"These martyrs I will remember and my soul is torn with sorrow In the days of our trials there is no one to help us."

# אָן ייִדן

אָן ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פֿון דער וועלט,
פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון דײַן אָרעם געצעלט.
זינט אַבֿרהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע ייִדישע פּנימער געברענט,
פֿון אַלע ייִדישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפֿורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער ייִדישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער ייִדישער קאָפּ
איז אַ פֿאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווײַל מיר זײַנען געווען דײַן ליכטיק געפֿעס,
דער וואָרצייכן פֿון דײַן ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס׳לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פֿון דיר ווערט פֿאַרטונקלט,
דײַן מלכות וועט באַלד אויפֿהערן.
דער ייִדישער פֿאַרזיי און פֿאַרפֿלאַנץ
איז פֿאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער ייִדישער חלום און ייִדישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אין איינעם.
ס׳שלאָפֿן עדות גאַנצע,
עופֿהלעך, פֿרויען,
יונגעלײַט און זקנים.
אַפֿילו דײַנע זײַלן, די פֿעלדזן,
די שטאַמיקע ל״ו,
שלאָפֿן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פֿאַרבענקטער בריק,
אַוועק פֿון דיר, כּדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פֿאַר אַ טויט פֿאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דײַן אָרעם געצעלט.
ס׳פֿלעמלט די לעצטע ייִדישע שעה.
ייִדישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

1946

# Without Jews

Without Jews, no Jewish God.
If, God forbid, we should quit
this world, Your poor tent's light
would out.
Abraham knew You in a cloud:
since then, You are the flame
of our face, the rays
our eyes blaze,
our likeness
whom we formed:
in every land and town
a stranger.
Shattered Jewish skulls,
shards of the divine,
smashed, shamed pots—
these were Your light-bearing vessels,
Your tangibles,
Your portents of miracle!
Now count these heads
by the millions of the dead.
Around You the stars go dark.
Our memory of You, obscured.
Soon Your reign will close.
Where Jews sowed,
a scorched waste.
Dews weep
on dead grass.
The dream raped,
reality raped,
both blotted out.
Whole congregations sleep,
the babies, the women,
the young, the old.
Even Your pillars, Your rocks,
the tribe of Your saints,
sleep their dead
eternal sleep.

Who will dream You?
Remember You?
Deny You?
Yearn after You?
Who will flee You,
only to return
over a bridge of longing?

No end to night
for an extinguished people.
Heaven and earth wiped out.
Your tent void of light.
Flicker of the Jews' last hour.
Soon, Jewish God,
Your eclipse.

*Cynthia Ozick*

vessel of light—imagery from the Kabbalah.

Pillars, Rocks—biblical epithets applied to great sages.

The Thirty-Six Just*

away from you to return again—an allusion to a personal, religious poem by the Spanish Hebrew classical poet Ibn Gabirol, talking to God of fleeing "from You to You."

(טו)

## ➤ מײַן וואָגל-ברודער

כ׳האָב ליב מײַן טרויעריקן גאָט,
מײַן וואָגל-ברודער.
כ׳האָב ליב זיך צוצוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פֿון זיך אַלע רייד.
ווײַל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפּט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפֿט —
אין שווײַגן.

## ➤ *My Wander-Brother*

I love my sad God,
My wander-brother.
I like to sit with him on a stone
And silence to him all my words.
When we sit like this, dumbfounded together,
Our thoughts merge
In one stillness.

# דער בראַצלאַווער צו זיַין סופֿר

1

נתן, דאַוואַי היַינט נישט טראַכטן.
האָסט שוין אַ מאָל געזען אַזאַ וועלט
מיט אַזוי פֿיל ליכטערע פּראַכט?
כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט היַינט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.
קראַנק ביסטו היַינט צו לעבן?
לעב מיט אַלע דיַינע אבֿרים
און אָטעם זון ווי אַ פֿליג.
לאָמיר נעמען גיין אויף קאַריק,
לאָמיר אויסטראַכטן אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן,
און צעטרענצלען אונדזערע רעיונות אויף די וועגן.
לאָמיר ווערן הייליקע פּויערימלעך,
מיט הייליקע קי אויף אַ הייליקער פּאַשע.
לאָמיר עסן קאַשע מיט מילך,
לאָמיר רייכערן שטינקענדיקע פּיַיקעס
און דערציילן בּיַיקעס פֿון שרעטעלעך,
לאָמיר זינגען לידלעך —
דיַי־דאָנע־דיַי, דיַי־דאָנע־דיַי.
הוילע לידלעך אָן ווערטער,
דיַי־דאָנע־דיַי.

כ'זע ס'איז שוין אויפֿגעגאַנגען אַ כמאַרעלע
אויף דיַין שטערן.
וועסט כאַפּן ביַי מיר אַ פּליק אין פּרעסער,
סאָמער נעמסטו קלערן.
היַינט וועסטו מוזן פֿאַרשליסן
דעם טראַכטער הינטער שלעסער.
היַינט זיַינען מיר זינגענדיקע תמעלעך
און מיר קענען קיין צוויי נישט ציילן.
איז כאַפּ זשע נאָר —
ווי וווּנדערלעך דאָס איז,
איינס — אחד.
איינס און באַזונדער איינס
איז אַלץ אחד,
און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אחד.
הער נאָר ווי פּשוט,
ווי אַליין, ווי שיין, ווי טרויעריק שיין,
איינס — אחד.

גרעזעלע זינג,
בינעלע זום,
גלעט די בלום,
וואָלקנדל רעגן,
פֿריש אויף די וועגן,
טרינק אָן די ערד.

נתן, באַלד פֿאַלט צו די נאַכט,
לאָמיר שלאָפֿן אומגעחלומט און אומגעטראַכט
ווי די פּויערימלעך.
לאָמיר היַינט אָוועקליַיגן די לייטער
און לאָמיר נישט הימלעווען,
אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ.
זאָלן מלאכים קלעטערן
לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך
און זיך אויפֿכאַפּן אַנטקעגן אַ צעפֿלאַמטן מזרח
מיט דעם געזאַנג —
דיַי־דאָנע־דיַי, דיַי־דאָנע־דיַי.

כ'וועל דיר ברעכן אַ ביין
אויב וועסט דאָס ניגונדל נישט פֿאַרשטיין.
סאָמער וועסטו עפּעס דערליַיגן, אַ וואָרט אָדער אַפֿילו אַן אות,
ס'וועט מוזן זיַין אַזוי פּשוט ווי דאָס —
דיַי־דאָנע־דיַי.

# The Bratslaver to His Scribe

1

Nathan, lay off thinking today;
Have you ever seen such a world:
Such loveliness, every which way?
I'll give you a mouthful of fist
If you squeeze out a thought today.
Is there anything that keeps you from living?
Live, with all of your organs;
Breathe the sun, like a fly. . . .
Let's go backward again . . .
Let's think our whole fortune away
And squander our thoughts on the byways.
Let's become holy peasants
With hallowed cows on a holy pasture;
Let's eat kasha with milk;
Let's find stinking tobacco to smoke
And tell fairy tales about dwarfs;
And let's sing songs.

*Dai-donna-dai, dai-donna-dai,*
Pure songs, without words—
*Dai-donna-dai.*

I see a small cloud rising already
over your forehead.
Oh, what a sock in the kisser I'll give you
If you start thinking.
Today, you'll have to shut
Your thinker behind locked doors.
Today, we are innocent singers
Who can hardly count up to two.
D'you get it—
How splendid it is?
One—*echod;*
One, and only one,
And always, one;
And again, and once more—*echod.*
Listen—how simple;
How lonely, how lovely, how sadly beautiful.
One—*echod.*

Seedling sing!
Honeybee, hum!
Caress the flower.
Little cloud, rain!
Refresh the roads;
Make the earth drunk.

Nathan, night will fall soon.
Let us sleep without thought—without dream,
Like the dear peasants.
Let's put that ladder away,
Nor climb toward heaven today,
Down and up; up and down.
Let the angels clamber about.
Let us catch a snooze and a snort
And leap up at dawn to greet the fiery east
With our song:
*Dai-donna-dai, dai-donna-dai.*

I'll break your leg
If you don't understand the refrain
Or change it by adding a word, or so much as a letter.
It will have to be simple—like this:
*Dai-donna-dai.*

2

פֿאַראַן אַזעלכע שטייגער לײַט,
וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
און דער קאָפּ ווערט בײַ זיי הייליק,
אָבער דער גאַנצער גוף בלײַבט שטויב פֿון שטויב.
זיי קוקן אַרײַן אין אַ ספֿר
און די אויגן גלאָצן באַלד אַרויף אויבן,
אָבער די פֿיסלעך מיט די הענטלעך
זײַנען נאָך בײַ זיי עפֿר ואפֿר,
און איבערן גאַרטל
און אונטער דעם צווישנשייד,
ווערט אַלץ טרף און טרפֿער.
זיי לערנען זיך אויס שיינע ווערטער,
זיי זײַנען עולה־רגל צו די הייליקסטע ערטער.
נאָר זאָל קומען אַ נדבֿה בעטן אַ מענטש אַ פֿאַרשמאַכטער,
בלײַבט זייער האַנט פֿאַרמאַכט
און ס׳האַרץ פֿאַרמאַכטער.
דעם קאָפּ האָבן זיי מרחיק געווען פֿונעם שׂכל,
און ס׳אַרעמע מוח ווערט אויס מיט די גלגלים.
נאָר ס׳פּיצעלאַנטשיקל מענטשל ווערט פֿאַרפֿאַלן
אויף עולם ועד.

דערימער, זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו ניגונים,
און די ניגונים וווינען אין לבֿ.
זע, אַז ס׳האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפֿהערן צו שפּאַרן.
פֿײַנט האָב איך דעם גוטן ייִדן,
דעם באַלומדשן ייִדן,
וואָס פֿאַרטריפֿט די אותיות פֿון ספֿרים
מיט נעצערדיקע טראַכטערײַען.
נעם אַ ליכט און באַלײַכט דעם בראשית.
ברא האָט באַשאַפֿן.
בראשית האָט באַשאַפֿן.
גוואַלד, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן.
לאָמיר גיין בײַנאַנד אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.
און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפֿן וועלטן.

There are some kinds of people
Who think for a year and a day
And their heads become holy.
But they consider the body entire as dust made of dust.
They look into a holy book
And roll their eyes upward,
But they treat their lovely limbs
As if they were dust and ashes.
And everything over the belt
And under the cincture
Is unclean and then uncleaner.
They teach themselves verbal graces,
And are pilgrims to holy places,
But let a hungry man come begging a handout
And their hands close tight
And their hearts close tighter.
They've exiled their heads away from all reason
And their brains are dizzied, spinning with heavenly spheres
While the dear bit of humanity is lost
For all eternity.

Now, therefore, Nathan, I tell you
That thought is as words are to music,
And music lives in the heart.
See that the heart thinks truly
And the head, of itself, will stop spinning.
I detest that good man—
That would-be expert
Who spoils with imprisoning wisdom
The letters in holy books.
Take a candle and light up *B'reshis*,
*Boro*, he created.
*B'reshis*, he created.
Damn it, Nathan, what's there to think about here?
Let's go through rain and snow together,
Through frosts and through sunlight,
And let's sing:
*B'reshis*, he created worlds.

3

אָט ווי איך דערצייל דיר, אַזוי האָט עס פּאַסירט.
כּלות, ווען איך האָב מיטן וואַלד שפּאַצירט,
זע איך ווי דער מאָרגן גייט אויף אין דער קרום
און די גאַנצע יצירה איז ברונעלער־שטום.
די ביימער שטעלן זיך מיט די ווײַסטעטמורבלס צו מיר.
די פֿייגל הערן מײַן גוטמאָרגן און גיבן זיך נישט קיין ריר.
אַ העזל קוקט מיך אָן ווי אַ ייִדענע אַ מרשעת.
און דער טרונקוואַסער און קוועלכל זאָגט מיר מיט כּעס:
נחמן, מוחל, נאָך איבער מיר הײַנט נישט קיין ברכה.
און די בלומען לאָזן נעבעך אַרויס אַ פֿינצטערע געטראַכט.
און אַלץ וואָס איך טראַכט ווערט פֿאַרפֿלאָנטערט און פֿאַרטרויערט,
און אַלץ וואָס איך זאָג ווערט פֿאַרשטילט און פֿאַרשווײַגט.
כאַפּ ושע, ליבערשט, די פֿיס אויף די פּלייצעס און טראָג דיך אָפּ.
נחמן, וואָס טויג עס, אַז די גאַנצע וועלט איז ברוגז.

ווייס איך דאָך, אַז די וועלט איז צו אַ מענטש געגליכן.
ווײַל אַלץ וואָס וואַקסט און אַלץ וואָס פֿילט,
און אַלץ וואָס טוט קריכן וויל נעבעך זײַן.
גיב איך זיך אַזוי אַ זאָג אויף קאָטאָוועס:
וואָס איז דען די וועלט?
אַן אײַנבילדעניש, אַ פֿאַרבלענדעניש.
אַ רגעדיקע פֿאַרבײַיִקייט,
אַן אויסגעטראַכטע נישטזײַיִקייט.
און אַזוי־ערנאָך האָב איך דער גאַנצער יצירה
דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.
און אַלטער בוים האָט געטאָן אַ כּליפּ.
ס׳האָט מיר טאָקע גלײַך פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ.

אָבער ס'איז געגאַנגען אַ גאַנג.
מיט אַ כּוח אַ פֿאַרבאָרגענעם
האָט דער גאַנצער וואַלד גענומען זײַן
און זיך מאָרגנען.
די ביימער האָבן צוריק אויסגעדרייט די פּנימער צו מיר.
די פֿייגל האָבן געשוויטשערט.
דאָס העזל האָט זיך צעשמייכלט.
דער טרונקוואַסער אין קוועלכל האָט זיך געבעטן מיט האַרץ:
נחמן, מאַך אַ ברכה איבער מיר.
און די בלומען האָבן זיך געגעבן אַ צעבלי
ווי אין גאָרטן עדן.
אַ קראָ האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד.
און דער גאַנצער ברוגז האָט געטאָן אַ פֿאַרשווינד.
און איך האָב ווײַניקע לופֿט געשעפּט,
און אַלץ האָט געלאַכט און אַלץ האָט געלעבט.
און ס'האָט זיך צעטראָגן אַ פֿריידיקער געשריי.
ווער איז אַ פֿאַרבלענדעניש
ווער איז נישטאָ,
מיר זײַנען דאָ, דאָ, דאָ.

און אַט אַזוי האָט אַ ברוגזע וועלט
זיך צעמאָרגנט, צעשטראַלט און צעהעלט.
און ס'איז געוואָרן אַ קוויטשערײַ,
אַ געשריײַערײַ, אַ טשווישטשערײַ פֿון קולי־קולות.
מיר זײַנען דאָדאָדאָ.
מיר זײַנען דאָדאָדאָ.
אַז איך האָב זיך שוין אויך
אויפֿגעשטעלט אין מיטן וואַלד
און מײַן קול האָט זיך ווי אַ שופֿר צעשאַלט.
וועלט, איך שווער דיר בײַ דער מאָרגנשטונדע,
וועלט, דו ביסט דאָ.

Just as I tell you about it, that's how it was—
I'm strolling through the wood and I see the morning rise,
And I see it climbing up crookedly.
The whole creation is pouting mutedly;
And the trees—you should excuse the expression—show me
their rears;
The birds, at my greeting, act as if none of them hears.
A hare turns and sends me the look of a querulous woman,
And, from its pool, the spring water's saying with venom,
"Never mind, Nakhman. No blessing from you today."
Their heads lowered, the flowers stink pitifully,
And whatever I think is tangled or heavily rooted,
And all that I say becomes silent, or muted.
So what's to be done, except to make tracks out of there?
What's the use, Nakhman, if all the creation is angry?

But, since I know that the world is compared with a person,
And that all that grows and all that flies,
And even the creepers, poor things, want to be,
I say aloud, as if I weren't joking,
"Well, what is the world?
Something imagined; a delusion;
A transitory moment,
A nonentity, an illusion."
With these words, I meant to give the entire creation
A hell of a poke in the ribs.
But all at once,
An old tree breaks into sobs
Enough to give me heartache.
And things begin to move.
With all its secret force,
The whole wood undertook to be
Itself in the dawn.
The trees turned their faces toward me,
The birds broke into twitters,
The hare gave me a smile,
The water in the brook said sincerely,
"Nakhman, give me your blessing."
And the flowers burst into bloom
As if in the Garden of Eden.
A crow laughed aloud, like a child,
And all petulance was gone.
I breathed an air like wine.
And everything quickened the soul; all was alive
And there was a burst of joyful noises:
"Who is delusion,
Who doesn't exist?
We are here, here, here."

And thus, an angry world
Dawned into radiance and light,
And there was squealing,
And whistling, and yelling as loud as might be:
"We are here, here, here,
We are here, here, here."
Until I, too, myself
Stood in the midst of the wood
And my voice rang out like a shofar:
"World, I swear by this morning hour,

18

4

כ'האָב זיך דערהונגערט,
ביז צום טעם פֿון ברויט מיט פּוטער
און גופֿיק טראַכטן.
כ'בין געגאַנגען און מײַן גוף איז געגאַנגען מיט מיר,
און ס'איז נישט געווען קיין איין געדאַנק,
וואָס האָט נישט דורכגעשטראַלט מײַן הויט־און־ביינער.
כ'האָב געקלעטערט און מײַנע פֿיס האָבן געקלעטערט מיט מיר,
און איטלעכע מחשבֿה האָט געגליט
מיט ווונדערלעכער וואָכיקייט.
און אַז ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט,
האָב איך זיך דערהונגערט ביז פּיסנע ברויט
און געטראַכט האָב איך מיט פֿרייד
איינזיק אין דער פֿינצטערניש,

באַזונדערע פּשוטקייטן וואָס שלעפֿערן אײַן,
און וואָס טאָמער זײַנען זיי הייליק,
פֿאַרהייליקן זיי און פֿאַרדרימלען
פֿיס און הענט און קאָפּ.

און הײַנט האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט אַ הונגעריקער
און אויפֿן ניכטערן מאָגן האָב איך אָנגעהויבן
פֿון סאַמע גאָרנישט,
און דער טאָג איז אויך געוואַקסן
פֿון כמעט־גאָרנישט, פֿון שוואַרץ און קוים־קוים בלוי.
און איך האָב מײַנע טונקעלע גלידער
באַפֿוילן: יהי אור.
און מיר ביידע האָבן געקראָגן ליכטיקע פֿליגל,
איך און דער טאָג,
און ביידע זײַנען מיר געוואָרן איינס
און ביידע האָבן מיר געדאַוונט אויפֿן קול —
ווי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן.

4

Through disciplined hunger,
I came at last to the taste of bread and butter
And corporeal thinking.
I went, and my body went with me,
And there wasn't a single thought
That couldn't shine through my skin and bones.
I clambered about and my feet clambered with me.
Several of my speculations gleamed
Unusually ordinary.
And, as night fell,
Further hunger brought me to bread alone,
And to think joyfully,
I, in the dark, by myself,

Some rare, somnolent simplicities
Which, if they chance to be holy,
Sanctify and make sleepy
Feet and hands and head.

And today, I jumped up, famished,
And on an empty stomach, I began
With absolute nothing.
And the day also grew
Out of practically nothing—out of black and all but, all but blue.

And, to my dark limbs
I decreed: Let there be light,
And we both acquired luminous wings—
I, and the day,
And we both became one,
And we both prayed aloud with a single voice,
"How goodly are Thy tents. . . ."

5

אַ מאָל דאַכט זיך מיר, כ'האָב עס אַלץ אויף דער האַנט,
און מיט אַ מאָל גיט זיך עס אַ פֿאַרהויל און אַ פֿאַרמאַך.
פֿאַרשטייסט, נתן, מיר איז פּלא גאָר א סך.
כ'וויל דאָס מויל נישט צוזאַמענפֿירן מיטן אייגענעם אויער.
מיר וואַרפֿן אויף דעם בן אדם אַרויף אַ דרימלעניש.
מען ווײַזט אים די ערד אונטן
און העט־אויבן אַ פֿאַרכטיק הימלעניש.
אָבער אינצווישן איז דאָך אויך עפּעס פֿאַראַן.
כ'ווייס, מען רופֿט דאָס, דוכט זיך, לעבן.
ערגעץ גלוסט אַ פֿרוי און ס'פֿריידיקט
פֿון וואַרעמער באַהעלטעניש דאָס אָפּקול פֿון אַ מאַן.
נאָר טאָמער נעמט זיך עס אַזוי אין מיר וועבן,
באַפֿאַלט מיך אַ פּחד און איך זאָג:
זעסט יענעם שקאָץ, יענעם געדאַנק,
שלאָג אים מכּות־רצח, יאָג אים, פֿאַרטרײַב.

נתן, פֿאַרשרײַב.

5

Sometimes, it seems to me I have it all in my hand,
And all at once it is shrouded, concealed.
There's much that puzzles me, Nathan. Do you understand?
I don't want to put my mouth to my own ear.
We cast a drowsiness on the son of man;
He is shown the earth below
And a dreadful sky above.
But in between there's something too.
I know . . . it's called . . . it seems to me . . . living.
Somewhere, there's a desiring woman pleased
By a man's answer in warm secrecy.
But should it thus begin to move in me,
I'm overcome with fear, and I say:
See that thought . . . that scoundrel;
Beat hell out of it . . . attack . . . pursue.

Nathan, inscribe.

למשל, נעם דעם יצר־טוב — אַ שײנער מחותן, און אַנגעלײנטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בײַכל פֿון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פֿון שלעכטס.
פֿרומע ייִדעלעך טרײַבן אים נעבעך האָלה און נאַקן.
ער פֿאַסט בײַ די תּעניתים.
ער חלשט נאָך אַ לעפֿל וואַרעם געקעכץ.
און וואָס איז דען אויסן דער יצר־הרע?
חדוה. באַשייד פֿון פֿרייד. טרייסט געטרײַס פֿון טרויער.
געוויין פֿון אַלײן פֿאַרצוויים.
אײנזאַמע דורות פֿון פֿאַרגײן
פֿאַרמערט אין אייביקן דרייער.
וואָס איז ער דען נעבעך אויסן דער יצר־הרע?
גוף. לײַב

נתן, פֿאַרשרײַב

בײַ נאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פֿון אַלע שײַ וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף.
מײנסט, ס׳איז פֿאַראַן קנאַפּ געזאָגט אין אַזאַ בענקשאַפֿט
און דאָס איז דאָך ס׳ביסעלע תּענוג, מיסטײנס געזאָגט,
צווישן הימל און ערד.
ביז מען לײגט שערבעלעך אויף די אויגן.
דאָס איז דאָך דער טײַערער ניגון פֿון אַ האַרציקן מחי־פּית.
דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי אויסגעמאַטערט מײַן גוף איז.
נאָר ס׳ווײנט מיר דאָס האַרץ פֿאַר ביסל פֿאַרגעניגנס.
יצר־הרע מײנט דאָך ייחוד און צונאָמען —
וווּנדערלעכער צו להכעיס.
ס׳מײנט אַ געציטערטס וואָרט.
פֿײַער און פֿלאַמען און גאָסט געפֿלעכטס פֿון צווײ.
ס׳מײנט ווײַב.

נתן, פֿאַרשרײַב

כ׳מײן ס׳איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס׳איז שפּעט בײַ נאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מײַנע רייד, מיטן אויער נישט צו טאָן.
ס׳קען נאָך, חלילה, ווערן אַ פֿאַרטיש.

נו, ווערט מען שרײַען, וויל ער אפֿשר,
מתּיר זײַן אַן אשת־איש?
און וואָס מײן איך דען צו זאָגן?
ס׳רײַסט מיר ס׳האַרץ אויפֿן יצר פֿון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפֿט, חשק, פֿאַרלאַנג,
כּוח, געמעכטס,
און ס׳איז דאָך געזאַנג,
און ס׳איז דאָך געוויין און סוד פֿון שטאַם,
און דאָס איז דאָך תּענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פֿון הייליקן פֿלאַם
און דאָס ליכט פֿון אירס און זײַנס וואָס ווערט אײן.
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס׳קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפֿסט אײַן.
לאָמיך נישט איבער מיט מײַנע רעיונות אַלײן.
וואַך מיט מיר. פֿאַרבלײַב.

נתן,
פֿאַרשרײַב.

20

For example, consider the good instinct. A high-class relative, a welcome guest,
A gourmand, his little belly well-pastured among good deeds.
But my pity's for the instinct for lust.
Devout little Jews drive the poor thing, tooth and nail.
It fasts with them on fast days.
It faints for a spoonful of warm stew.
And what is the purpose of the instinct for lust?
Joy and the revelation of joy; consolation fermented of grief;
Grief twinned out of solitude—
Solitary generations of loss
Multiplied into eternity
Between heaven and earth.
What else, poor thing, is the instinct for lust:
Body. Flesh.

Nathan, inscribe.

At night, if you have an ear,
You will hear how each gate of the 310 worlds
Weeps with one voice:
Flesh.
Do you think the music found in such longing is trivial?
And that's the bit of joy (alas, it need saying)
Between heaven and earth
Until the shards are pressed to the eyelids.
It's the precious tune of a heartfelt song of great praises.
You know well how tormented my flesh is,
But my heart weeps for that remnant of pleasure.
The instinct for lust means one and in union;
Splendid provocation.
It means a trembling word;
Fire and flames and God's braiding of two—
It means woman.

Nathan, inscribe.

I know, though indeed it's fearful to let the lips speak it . . .
It's late at night.
Nathan, I give you words that are not to be caught with the ear.
It may, God forbid, lead to confusion.
"Well," they will cry. "Does he mean, perhaps,
To condone the adulterer?"
Yet, what *do* I mean to say?
My heart goes out to the instinct for lust.
It is force, after all, desire and longing,
Power and strength,
And it's song, after all,
And grief, and secret beginnings,
And it's joy, after all, and melody also,
And akin to the holy flame,
And his light and hers, becoming united.
Poor Nathan, you're tired; your eyelids are closing.
You're falling asleep.
Don't leave me here with my thoughts, alone.
Watch with me. Stay.

Nathan,
Inscribe.

(5)

*Leonard Wolf*

(1943 - 1953)

# אָן ייִדן

אָן ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פֿון דער וועלט,
פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון דײַן אָרעם געצעלט.
זינט אַבֿרהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע ייִדישע פּנימער געברענט,
פֿון אַלע ייִדישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפֿורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער ייִדישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער ייִדישער קאָפּ
איז אַ פֿאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווײַל מיר זײַנען געווען דײַן ליכטיק געפֿעס,
דער וואָרצייכן פֿון דײַן ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פֿון דיר ווערט פֿאַרטונקלט,
דײַן מלכות וועט באַלד אויפֿהערן.
דער ייִדישער פֿאַרזיי און פֿאַרפֿלאַנץ
איז פֿאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער ייִדישער חלום און ייִדישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אין איינעם.
ס'שלאָפֿן עדות גאַנצע,
עופֿהלעך, פֿרויען,
יונגעלײַט און זקנים.
אַפֿילו דײַנע זײַלן, די פֿעלדזן,
די שטאַמיקע ל"ו,
שלאָפֿן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פֿאַרבענקטער בריק,
אַוועק פֿון דיר, כּדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פֿאַר אַ טויט פֿאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דײַן אָרעם געצעלט.
ס'פֿלעמלט די לעצטע ייִדישע שעה.
ייִדישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

1946

vessel of light—imagery from the Kabbalah.

Pillars, Rocks—biblical epithets applied to great sages.

The Thirty-Six Just*

away from you to return again—an allusion to a personal, religious poem by the Spanish Hebrew classical poet Ibn Gabirol, talking to God of fleeing "from You to You."

22

# *Without Jews*

Without Jews, no Jewish God.
If, God forbid, we should quit
this world, Your poor tent's light
would out.
Abraham knew You in a cloud:
since then, You are the flame
of our face, the rays
our eyes blaze,
our likeness
whom we formed:
in every land and town
a stranger.
Shattered Jewish skulls,
shards of the divine,
smashed, shamed pots—
these were Your light-bearing vessels,
Your tangibles,
Your portents of miracle!
Now count these heads
by the millions of the dead.
Around You the stars go dark.
Our memory of You, obscured.
Soon Your reign will close.
Where Jews sowed,
a scorched waste.
Dews weep
on dead grass.
The dream raped,
reality raped,
both blotted out.
Whole congregations sleep,
the babies, the women,
the young, the old.
Even Your pillars, Your rocks,
the tribe of Your saints,
sleep their dead
eternal sleep.

Who will dream You?
Remember You?
Deny You?
Yearn after You?
Who will flee You,
only to return
over a bridge of longing?

No end to night
for an extinguished people
Heaven and earth wiped out.
Your tent void of light.
Flicker of the Jews' last hour
Soon, Jewish God,
Your eclipse.

*Cynthia Ozick*

► מײַן וואָגל-ברודער

כ'האָב ליב מײַן טרויעריקן גאָט.
מײַן וואָגל-ברודער.
כ'האָב ליב זיך צוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פֿון זיך אַלע ווערטער.
ווײַל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפּט.
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפֿט —
אין שווײַגן.

► *My Wander-Brother*

I love my sad God,
My wander-brother.
I like to sit with him on a stone
And silence to him all my words.
When we sit like this, dumbfounded together,
Our thoughts merge
In one stillness.

## מאָצאַרט

ס׳האָט זיך מיר געחלומט,
גויים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבֿר.

נאָר ייִדן האָבן אים געמאַכט פֿאַר גאָטס מענטש
און זײַן געדעכעניש געבענטשט.

זײַן אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפֿן
און באַקערט יעדער איינעם וואָס כ׳האָב געטראָפֿן.
אומעטום ווו כ׳האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי ווונדערלעך איז פֿון געטלעכן מענטש
זײַן מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זײַנען זײַנע ליכטיקע הענט.
אין זײַן גרעסטער נויט,
האָבן בײַם געקרייציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פֿינגער.
אין זײַן וויינענדיקסטן טרויער,
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאַט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פֿאַרבלײַב,
איז די דרשה אויפֿן באַרג.

1946

## *Mozart*

I dreamt that the goyim
crucified Mozart
and dug him a donkey's grave.

It was only the Jews
who made him a God-Man,
and kept his memory
blessed.

His apostle, I ran through the world
converting everyone in sight.
I snatched proselytes
all over; Christians for Mozart.

Marvel
at the Testament of Music
of the Man Divine:
his song-nailed hands
shine.
Crucified singer,
how his fingers go after
laughter
in deepest affliction.
Through dooms of tears
more than himself he loves
his neighbor's ears.

The Sermon on the Mount:
how stark,
how bereft,
when you count
what Mozart left.

*Cynthia Ozick*

## אָנהייב

זאָלן מיר אפֿשר אָנהייבן קליין און וויגלדיק
מיט אַ קליין פֿאָלק?
מיר ביידע פֿאַרוואָגלטע צווישן פֿעלקער.
ערד־אַרבעטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
וועסט לעבן אויף קרבנות
פֿון אָנגעברענטן מעל.
איך וועל אַרומגיין און זאָגן פֿאָלקישע חכמות
וואָס וועלן פֿאַרבלײַבן אין אונדזערע גרענעצן,
אָבער ס׳מינדסטע קינד וועט מיך
באַגריסן מיט גוט־מאָרגן.

זאָלן מיר אפֿשר ביידע גיין אַהיים
און צוריק אָנהייבן קליין פֿון סאַמע אָנהייב?

מעכטיקער יהוה, וואָס ביסט זיך צעוואָקסן
איבער זיבן הימלען און קאָנטינענטן
און ביסט געוואָרן אַ שטאָלענער וועלטגאָט,
מיט גרויסע קירכעס און סינאַגאָגעס.
האָסט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד, דעם שטאַל,
איך — די ענגע ליבשאַפֿט פֿון מײַן פֿאָלק —
ווײ, מיר זײַנען ביידע געוואָרן אוניווערסאַל.
קום צוריק, ליבער גאָט, צו אַ פּיצל לאַנד.
ווער אונדזערער אין גאַנצן.
איך וועל אויך אַרומגיין און זאָגן היימישע רייד,
וואָס מ׳וועט זיי שמועסן אין די שטיבער.
מיר וועלן ביידע זײַן פּראָווינציעל —
דער גאָט און דער פּאָעט —
און ס׳וועט אונדז אפֿשר זײַן ליבער.

## *Genesis*

Why don't we start all over again
with a small people,
out of the cradle and little?
The two of us, wanderers over the nations.
Tillers of the soil will bow before You.
You'll live on burnt offerings of grain.
I'll go around preaching folk wisdom;
it won't reach past our borders,
but the least little child will greet me
good morning.

Why don't we both go home and start over,
from the very beginning,
out of our littleness?

Almighty Yahweh, who hast waxed great
over the seven firmaments and continents,
swollen steel-strong in vast churches
and synagogues, God of the Universe!
You've deserted field and barn;
I, the close love of my people.
We've both turned universal.
Come back, dear God, to a land no bigger than a speck.
Dwindle down to only ours.
I'll go around with homely sayings
suitable for chewing over in small places.
We'll both be provincial,
God and His poet.

מײַן מידער גאָט פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס
און פֿאַרציט דעם ערשטן רויך.
ס'צינדט זיך אַ שטערן, אַ פֿײַערדיק אות.
זײַנע גלידער בענקען נאָך שלאָף.
די נאַכט ליגט אונדז צופֿוסנס ווי אַ שאָף.

מײַן טײַערער גאָט.
וויפֿל תּפֿילות צו אים האָב איך פֿאַרשוועכט.
וויפֿל מאָל האָב איך אים געלעסטערט.
דורך די נעכט.
און געוואַרעמט די שרעקעוודיקע ביינער
בײַם פֿײַערטאָפּ פֿון וויסן.
און דאָ זיצט ער, מײַן חבֿר, נעמט מיך אַרום.
און טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פֿון מײַן אומגלויבן איז פּרעכטיק.
ווי ליב איז מיר מײַן פֿאַרשלאָפֿטער גאָט.
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.
ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד.
ווען ס'מינדסטע קינד איז מורד
אין זײַן געבאָט.
דורך יבשות און ימען.
וועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען און בלאָנדזשען צוזאַמען.

צו אַ דרעמלענדיקן גאָט טראַכט איך אַזוי פֿון זיך:
ס'שטרעקט זיך אָפּט אין דער וואַרעמסטער היימישקייט —
אַ ווילדע פֿרעמד.

און נאָך איידער מען באַנעמט דעם סוד דערפֿון.
דערפֿילט מען אַז די אייגענע איבעריקייט
האָט זיך צעבליט ווי מאָך אויף אַ מצבֿה.
איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב געבויט?
איז דאָס די גאַס וואָס איר האָב איך אָנפֿאַרטרויט
יעדע נאַכט פֿון מײַן זיכּרון?
וויפֿל זומערן זײַנען מיר דאָ געקומען צו-חלום?
אַהער בין איך געקומען, זיך פֿאַרוואָרצלען און פֿאַרשטאַמען.
דאָ האָב איך געוואָלט פֿאַרפֿלאַנצן שטילקייט
אויף אַן אייגענעם לעבעדיקן בית-עולם
פֿון טאַטע-מאַמע.
ווײַל טויט האָב איך דאָרט געהאַט איבערגענוג.
אַהער בין איך שוין געקומען אַ יורש פֿון טויט.
אַן אַנטרונענער.

דו רעדסט פֿון זיך.
שווײַגט צו מיר מײַן וואָגל-ברודער.
און איך טראַכט פֿון אונדז אַלעמען.
אַזוי צו זאָגן:
וויפֿל חורבן דאַרף אַ פֿאָלק פֿאַרטראָגן.
אַז ס'זאָל אין אויפֿבוי אַלץ נאָך גלייבן.
איצט אַז ס'וואַלגערט זיך אין שטויבן.
איז דאָס פֿאָלק געטלעכער פֿון מיר.
ס'וועלן נאָך פֿעלקער קומען זיך בוקן
צו זײַן ווייטיק.

אָבער גאָט, מײַן ברודער.
צו וואָס האָסטו אַזוי דערהויבן מײַן פֿאָלק
און צעשטערנט זײַן אומגליק
איבערן גאַנצן הימל?

ווייטיק, בלוט, געלעכערטע הענט.
רחמנות פֿון אויסגערונענע אָדערן —
אַ קינדערשער משל מיט נאַרישע רייד.
איך האָב עס געצעפּלט אויף זעקס מיליאָן.
איך האָב דעם משל געגעבן באַשייד.
מײַן פֿאָלק, מײַן זון, מײַן טרוים.
וועט אייביק בליִען געקרייציקט אויף אַ ליכטיקן בוים.

מײַן גאָט שלאָפֿט און איך וואַך איבער אים.
מײַן מידער ברודער חלומט דעם חלום פֿון מײַן פֿאָלק.
ער ווערט קליין ווי אַ קינד.
און איך וויג אים אײַן אין חלום פֿון מײַן פֿאָלק.
שלאָף מײַן גאָט, מײַן וואָגל-ברודער.
שלאָף אַרײַן אין חלום פֿון מײַן פֿאָלק.

My weary God lights a cigarette
And inhales the first smoke.
A star lights up, a fiery sign.
His limbs long for sleep.
The night lies at our feet like a lamb.

My beloved God.
How many prayers to him have I profaned.
How often have I blasphemed
In the nights,
Warmed my fearful bones
At the firepot of knowledge.
And here he sits, my friend, hugging me,
And shares with me his last mouthful.

The God of my unbelief is beautiful.
How nice is my feeble God
Now, when he is human and unjust.
How graceful is he in his proud downfall,
When the smallest child revolts
Against his command.
Through sea and land,
We two shall ever wander and wander together

I think to my dozing God of myself:
At times, an alien space
Will spread in the homiest warmth.

And before you grasp its mystery,
You feel how your own futility
Blossoms like moss on a gravestone.
Is this the city that I built?
Is this the street I confided in
Every night of my memory?
How many summers appeared here in my dream?
Here I came to strike roots and grow stems,
Here I wanted to plant calm
On my own living graveyard
Of father-mother.
I had plenty of death over there.
I came here, an heir of death,
A refugee.

You are talking of yourself,
Answers the silence of my wander-brother,
And I think of all of us:
How much destruction can a people bear
And still believe in re-building?
Now, grovelling in the dust,
My people is holier than me.
One day, nations shall come to bow
To its pain.

But God, my brother,
Why hast thou raised my people
And spread their misfortune like stars
All over the sky?

Pain, blood, pierced hands,
Pity of emptied veins—
A childish fable with silly words.
I multiplied it by six million,
I gave the fable its moral.
My people, my son, my dream
Will blossom forever crucified on a tree of light.

My God sleeps and I watch over him.
My tired brother dreams the dream of my people.
He dwindles, grows small as a baby,
And I rock him into the dream of my people.
Sleep, my god, my wander-brother,
Sleep into the dream of my people.

23



1946

וועסט אָנהייבן פֿון קליינעם אמת,
נישט צוזאָגן קיין זיבן גליקן.
וועסט געדענקען דעם מענטש,
זײַן פֿלייש, זײַן ביין, זײַנע חסרונות.
דעם ווײַן וואָס דערפֿרייט סיהאַרץ פֿון מענטש,
די פֿרייד פֿון לײַב.
וועסט אים ליב האָבן אין די רגעס
ווען זײַן האַרץ וועט דאַוונען צו דיר מיט גלויבן.
דערווײַטערט וועסטו זײַן פֿון בלוט, האַק, מאָרד,
וועסט ליבערשט זײַן דער דערגרייכטער גאָט פֿון מנין,
איידער דער מעכטיקער גאָט פֿון גזלנים.
וועסט קומען נענטער צו אונדז
און מיר וועלן אָנהייבן צו שפּינען
נײַע מענטשלעכע דינים,
גילטיק פֿאַר דיר, פֿאַר אונדז.

זאָלן מיר אפֿשר אָנהייבן וויגלדיק און קליין
און וואַקסן מיט די גרענעצן
פֿון אַ געבענטשטן לאַנד?
קינדער וועלן לאַכן מיט פֿרייד אונדז אַנטקעגן,
ווײַל מיר וועלן זײַן אָרעם און אמת.
דײַן געטלעכע ברכה וועט זײַן פּונקט גענוג
פֿאַר אַ רויִק און גוט פֿאָלק.

מײַן אייגן וואָרט וועט ווערן
דער וואַרעמער נחת פֿון אַ משפּחה.
דײַנע נאָזלעכער וועלן שמעקן
דעם סולת פֿון אַ פֿאָלק,
וואָס האָדעוועט זײַן גאָט
מיט אַל דאָס גוטס.
מיך וועט מען אויך קאָרמען און צערטלען ווי אַ קינד.
און איך וועל פֿאַרווייגט ווערן
אין אַן ענג־באַקוועמער באַרעמטקייט.
און קיינער וועט איבער די גרענעצן
נישט הערן —
נישט דײַן נאָמען און נישט מײַנעם.

זאָלן מיר אפֿשר ביידע גיין אַהיים?
זאָלן מיר אפֿשר ביידע, געשלאָגענע, גיין אַהיים?

אתה בחרתנו.
דו האָסט אונדז אויסגעקליבן.
מ׳האָט אונדז ביידע פֿאַרשריגן פֿאַר גרויס,
כּדי מ׳זאָל אונדז צעשטויבן און צעשפּרייטן
און מאַכן אויס.
דיך האָט מען אויסגעשטערנט איבער אַ גאַנצער וועלט.
ווי קומען צו דיר גרויסע פֿעלקער?
ביסט שטיל און נחתדיק
און אין גאַנצן אַן אונדזעריקער.
פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרלאָזט דײַן משכּן,
דײַן קליין געצעלט,
און אַוועק צו ווערן דער גאָט פֿון אַ וועלט?
זײַנען מיר געוואָרן דײַנע זינדיקע קינדער,
די זײַל־שאָקלער, וועלטן־צינדער.
דאָס ביסטו פֿריער פֿון אונדז געוואָרן אַ ייִדישער אינטערנאַציאָנאַל
מיר זײַנען דיר נאָכגעגאַנגען אין דער וועלט.
קראַנק געוואָרן מיט דײַן וועלט.
ראַטעווע זיך און קום מיט די עולים
צוריק צו אַ קליין לאַנד,
ווער ווידער דער ייִדישער גאָט.

Maybe it will go sweeter for us.

You'll begin with a scrap of truth,
not promising seventh heaven,
mindful of human flesh, bone, failings;
wine that gladdens the heart of man;
the body's pleasures.
You'll cherish us for those moments of belief
when out of our depths we invoke You.
You'll keep far from blood, blade, killing.
You'll choose to be the approachable God
of a prayerful huddle
rather than an omnipotent God of Prey.
You'll come near.
We'll begin to spin
merciful laws binding on You and on us.

Out of the cradle and little,
why don't we start all over again,
growing up bordered by a hallowed land?
Children will laugh all around in delight.
We'll be poor and full of truth.
Your holy blessing will just suffice
for a people peaceable and good.
My own word will be the warm pride
of a family.
Your nostrils will savor
the pure meal-offering of a nation
nurturing its God with everything good.
And me they'll feed and fondle like a child.
I'll be rocked in cozy fame.
No one beyond our borders will hear my name,
or Yours.

Shouldn't the two of us go home?
Why don't we both, beaten, go home?

*Thou hast chosen us.*
We were both cried up for grandeur
so that they could bring us to dust
and scatter us and stamp us out.
They tricked You out in stars over a whole universe.
How is it that great nations flock to You?
You are quiet and content with your own.
You are one of us,
completely.
Why did You abandon your closet-ark,
your little tent,
going far away to be converted
into the Lord of the Universe?
Therefore we became Your errant children,
agitators of pillars, world incendiaries.
You lapsed into the Jewish International
before we did.

We followed You into Your wide world
and sickened there.
Save Yourself, return
with Your pilgrims who go up
to a little land. Come back,
be our Jewish God again.

*Cynthia Ozick*

25

# זונטאָג־שטעטל

רבי לוי יצחקס באַלעגאָלע
וואָס שמירט די רעדער מיט סמאָלע
אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין,
האָט זיך אין דעם מין,
אײַנגערויקט זונטאָג־שטעטל.
פֿאַרשטעלט פֿאַר עטלעכע ייִדן,
וואָס שטייען אַרום זייערע הײַזער,
וואַשן די אויטאָמאָבילן.
טאָשן איבער בעת־מעשה
דעם סך־הכּל
פֿון נעכטיקן צדקה־פּינאָקל
אין צענטער.

אַ שטילע האַנט פֿיטערט דעם טרויער
פֿון כראָנישער רו,
וואָס באַפֿאַלט דאָס שטעטל,
איין מאָל אַ וואָך;
מיט דער מאָנאָטאָנער לאָגיק
פֿון איין מאָל אין זיבן.
דער ווײַזער אויף דעם קליינעם סקווער
קריכט פֿאַרטאָגיק.
אַ קלויסטערגלאָק וועקט פֿאָרזיכטיק
אַ גאָט אַ פּאַסיוון.
פֿון די פֿענצטער הייבט אָן עיפּושן
מיט חזיר־גריוון.
ס׳גייען שכנים אין קלויסטער.
די פֿאַרשטעלטע באַלעגאָלעס
באַשפּריצן שטילער די רעדער.
שנײַדן דעם שטראָם פֿון דער קישקע
ס׳זאָל נישט מאַכן קיין טרעוואָגע.
און יעדער זוכט, פֿאַרלוירן,
שוץ בײַ דער עלנטער סינאַגאָגע,
וואָס איז אין שטעטל פֿאַרטאָגן
און וואַרט נעבעך אויף יום־כּיפּור.

די זונטאָג־ייִדן שמייכלען
צו די שכנים ווי מאַראַנען.
דער קלויסטערגלאָק גיט אַ טאָלעראַנטן היפּער,
פֿאַרבײַ ייִדישע טירן.
זיי האָרכן צום קלויסטער
מיט אָנגעשפּיצטע,
דערשראָקענע אויערן.

# *Sunday Shtetl*

Rabbi Levi Yitskhok's drayman—the one who wore
*tales* and *tfiln* as he smeared the wheels
of his wagon with tar—
turns up in the shape of a bunch of Jews
hanging around their houses,
washing the car
(while the shtetl drowses
in its Sunday snooze),
adding up bills and working out deals
to pay up what's owed to the pinochle fund-raiser
they attended last night at the Center.

A hushed hand feeds the ache
of this chronic languor
that drops on the town:
weekly monotonous logic,
once out of seven.
In the little square
the clock creeps on
to point the dawn;
a wary church bell wakes
its passive god.
Windows start the stench
of bacon crackling.
The neighbors are off to church.
Our draymen-in-disguise,
hosing down their wheels,
cut the stream to cut the noise.
Lost souls, they look for safekeeping
to the deserted synagogue
that waits to fill up on Yom Kippur.

These Sunday Jews are secret Jews
smiling for the neighbors.
The church bell tolerantly skips over
the doorposts of the Jews.
They listen
with pricked-up ear,
in Marrano fear.

*Cynthia Ozick*